# פרשת וישב ט"ו– כ"א כסלו תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** על אדמת הקודש בארצינו הק'. **רבינו שליט"א** נסע משדה התעופה לעיר בני ברק.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** בשמחת נישואי נכדת גיסו **הגה"צ רבי צבי הלוי פאללאק שליט"א** אב"ד גרויסוואַרדיין (סטעטן איילאנד), בת הרה"ג רבי **אהרן פאללאק** שליט"א חתן **הגה"צ רבי מנחם דוד האגער שליט"א** האדמו"ר משאץ וויזניץ (חיפה), עב"ג החתן בן הרה"ג רבי **יצחק מאיר ווייס** שליט"א בן **הגה"צ גאב"ד מאנטריאל שליט"א**, ונינת **כ"ק האדמו"ר מערלוי שליט"א**.

**רבינו שליט"א** הגיע לאולם ארמונות חן להקבלת פנים והחופה. אצל מעמד החופה נתכבד **רבינו שליט"א** בברכות הראשונות. עם סיום החופה איחל **רבינו שליט"א** ברכת מזל טוב להמחותנים הגאוה"צ שליט"א, ובמיוחד לסב החתן **כ"ק האדמו"ר מערלוי שליט"א**.

באמצע סעודת החתונה הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** מיין שוועסטער מאכט חתונה דא אקעגן איבער.

**האדמו"ר מויזניץ:** דער מחותן איז אויך דא אויף די יארצייט פון די מאמע, ערב חנוכה.

**רבינו:** מיין מאמע האט געהייסן חנה, ווייל זי איז געבוירן חנוכה. און זי איז אוועק ערב חנוכה.

איך האב מקדים געווען צו קומען פריער אויף די חתונה. עס שטייט (עיין בזוהר ח"ג ריט:) אז די נשמות קומען אראפ צו די חתונה. קען מען דא אויך טרעפן די מאמע.

**האדמו"ר מויזניץ:** נעכטן (מוצאי שבת) איז געווען דא א פארשפיל פאר דריי בחורים וואס די חתונה איז נישט דאהי, און איך האב דערמאנט, אז דער טאטע פלעגט שטיין ביי א חופה, מורא'דיג, דעם זיידן (בעל אמרי חיים זצ"ל) געדענק איך שוין נישט אזוי גוט, אבער דעם טאטן געדענק איך, פארטראכט און פארקלערט.

**רבי יהושע הורוויץ זצ"ל**, דער **דזיקובער רבי'ס** (באָרא פּארק) חתונה, איז געווען די ערשטע חתונה נאך די קריג, פון דעם **אהבת ישראל'ס** אייניקלעך. ער איז געווען אן א טאטע, און דער זיידע איז געווען דער גאנצער מחותן. און ער האט שבת ביי שלש סעודות גערעדט אביסל פון די שמחה, און ער האט גערעדט פון די אבות, האט ער זיך געגעבן א כאפ ארויס, די וואך קומט אהער חשובע געסט, דער הייליגער טאטע וועט זיין דא, און אז מען וועט האבען אויגן וועט מען אים זעהן. ער האט געבעטן דעמאלטס אז מען זאל נישט פארשטערן די שמחה, ווייל דער הייליגער טאטע וועט זיין דא. איך האב לעצטנס געהערט פונעם טאטן, אז עס שטייט דאך ישמח ישראל בעושיו, מען כאפט זיי אן און מען שיקט זיי אראפ, האט דער טאטע געזאגט, ווילאנג בלייבן זיי דא, דאס שטייט שוין נישט. האט ער געזאגט, אז דער חתן וכלה געפעלן זיי, בלייבן זיי דא.

**רבינו:** עס שטייט אויך נישט ביז וויפיל דורות זיי קומען.

**האדמו"ר מויזניץ:** איך געדענק אז דער טאטע איז געווען ביי **רבי ישראל גרוסמאן** (ראש ישיבת פינסק קארלין) פון ירושלים, און ער האט דערציילט פארן טאטן, אז ער האט אליין געהערט פון א טאכטער פון **סאדיגורא'ער רבי**, זי איז געווען א אלטע פרוי, זי האט נאך געלעבט אין ירושלים, אז זי איז געשטאנען דערביי, זי איז געווען א מיידל פון זיבן יאר, ווען עס איז געווען א חופה פונעם **רוזינער'ס** אן אייניקל, און דער **רוזינער** איז געווען אויף די חופה, און די טאכטער פון **רבי ברוך ממעזיבוש זי"ע**, איז אויך געווען ביי די חתונה. און אויפן וועג צו די חופה איז דער הייליגער **רוזינער** צוגעגאנגען צו איר נעמען א ברכה, און זי האט געזאגט פארן רוזינער, אז זי איז אן אייניקל פונעם **בעל שם טוב**, און אזוי ווי די זיידעס קומען אראפ צו די חופה וועט זיכער דא זיין דער פאטער **רבי שלום**, און דער זיידע **רבי אברהם המלאך**, און דער עלטער זיידע דער **מעזריטשער מגיד**, ומסתמא וועט זיין רבי דער **בעל שם טוב** אויך קומען, געב איך איבער א קוויטל, אז ווען דער רבי וועט זעהן דעם **בעל שם טוב**, זאל ער איבערגעבן דאס קוויטל. האט ער

אריינגעשטעלט דאס קוויטל אינעם גארטל, און נאך די חופה איז ער צוריקגעקומען און דאס קוויטל איז נישט געווען, און דער **רוזינער** האט געזאגט, איך האב ערפילט מיין שליחות. איך האב געזען דעם זיידען, און איך האב אים איבערגעגעבן דאס קוויטל (הובא בספר **לב ישראל** פרשת שמות).

**רבינו:** זיי האבען געהאט גוטע אויגן.

**האדמו"ר מויזניץ:** מיר זעהען זיי נישט, אבער מיר גלייבן אז זיי זענען דא ביי א שמחה.

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **בעלזער רב** (מרן מהרי"ד זי"ע), אז פסח ביים סדר האט אים א אייניקל אמאל געפרעגט, זיידע, האסט געזען אליהו הנביא ביי שפוך חמתך? האט דער **בעלזער רב** געזאגט, 'גלייבן איז מער ווי זעהן'.

**האדמו"ר מויזניץ:** מיין שוואגער, **רבי יוסף באב"ד שליט"א** (דומ"ץ בעלזא לאנדאן), האט געמאכט א ברית פאר אן אייניקל א טאג צוויי פאר פסח, האט איינער געזאגט ביי די סעודה פונעם ברית, אז דער **רב ז"ל** האט אמאל געזאגט, אז מען בעהט פסח ביינאכט, כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו. דאס איז עס?! ווען עס וועט קומען לעתיד לבוא אין בית המקדש, זאל עס זיין אזוי ווי מיין סדר זעהט אויס?! האט ער געטייטשט מיט דעם געדאנק. אז עס שטייט אין מדרש (שמו"ר כג-ה) אויפן פסוק (שיר ד-ח) תשורי מראש אמנה, אז ביי די גבול צווישן ארץ ישראל און חוץ לארץ איז דא א בארג וואס הייסט 'אמנה', און ווען יודען וועלן ארויסגיין פון גלות, און זיי וועלן אנקומען צו דעם בארג, וועלן זיי דארט זאגען שירה. האט דער בעלזער רב געזאגט, אז היינט אין גלות גלייבט מען אין שכר ועונש און אין ביאת המשיח, אבער ווען משיח וועט קומען וועט מען נישט דארפן גלייבען, ווייל מען וועט זעהן די שכר ועונש מיט די אויגן. און בשעת יודן וועלן דעמאלטס ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און זיי וועלן צוריקקוקען אויף די אמונה וואס זיי האבען געהאט אין גלות, וועלן זיי זאגען שירה, און זיי וועלן זיך בענקן צו די אמונה וואס זיי האבען געהאט אין חוץ לארץ, און היינט איז מער נישט דא קיין אמונה, ווייל זיי זעהן עס מיט די אויגן. זאגט מען 'כאשר זכינו לסדר אותו', מען האט געבעטן אז לשנה הבאה זאל מען זיין בני חורין, מען בענקט זיך אויפן קרבן פסח, מען בענקט זיך אויף די אלע מצות, 'כן נזכה לעשותו', בשעת מעשה איז שוין נישט די זעלבע זאך.

האב איך צוגעלייגט, אז די זיידע טייטשט, צמאה לך נפשי כמה לך בשרי וכו', כן בקודש חזיתיך, האט ער געזאגט, אז אמאל איז געווען א סידור השלם, וואס האט געהאט אין זיך אלע תפלות פון א גאנץ יאר. האט ער געזאגט, א יוד געבט זיך א שטעל אין חודש תמוז און אב אונטער א ווענטילאטאר, און עס פארמישט זיך פאר אים די סידור, און ער הייבט אן צו זאגן, ובכן תן פחדך..., ער בענקט שוין נאך די הייליגע טעג, און ער פארגיסט אין א געוויין. ווען עס קומט אבער ראש השנה אליין, איז מען מיד פון זכור ברית, און מען דרימעלט איין א ביסל, עס איז נישט די זעלבע. האט דוד המלך געבעטן, צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי וגו', כן בקודש חזיתיך, אזוי ווי איך האב געבענקט נאך דעם, אזוי זאל אויך זיין בקודש, ווען מען האלט שוין ביי די הייליגע טעג, זאל מען אויך האבן די זעלבע התעוררות. דאס בענקעניש איז אמאל מער, ווי ווען מען האלט שוין דארט אליין.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**האדמו"ר מויזניץ:** לחיים מחותן. מען זאל קומען אויף שמחות, מיט א פרייליך הארץ, און שעפן נחת צוזאמען. עס קומט שנעלער פון וואס מען קלערט, אט אט אט רישט מען זיך שוין צו א חתונה.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן מתוך שמחה וטוב לבב, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר הביקור חזר **רבינו שליט"א** לסעודת החתונה, אחר ברכת המזון ואמירת שבע ברכות נתכבד **רבינו שליט"א** במצוה טאנץ הראשונה. **רבינו שליט"א** רקד לפני הכלה, ואחר כך עם החתן ועם גיסו **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א**, ויצא במחול עם המחותנים הרבנים הגאוה"צ שליט"א.

*

***יום שני פרשת וישב***

בתפלת שחרית עלה **רבינו שליט"א** לתורה, ובירך ברכת הגומל בשם ומלכות.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א אצל** השבע ברכות בבית גיסו **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א**, שהתקיימה באולם מנוחה ושמחה (בני ברק). **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה, אטייל צונעמען ביי די שבע ברכות, און די חתונה. איך האב שוין לאנג נישט געהאט אזא געלעגנהייט, צו זיצן ביי א שמחה אינאיינעם מיט מיין שוואגער און זיין גאנצע משפחה כולם אהובים כולם ברורים, ב"ה אויפגעשטעלט אזעלכע שיינע שטובער פון תורה און עבודת ה'. מיין שוואגער איז געווען זייער באליבט ביי מיין טאטע ז"ל, ער איז געווען אן איין איינציגער איידעם, די אהבה וואס איז געווען צווישן זיי, איז געווען אויסערגעוויינליך. ווען ער האט זיך געדארפט אפרוען וכדומה, איז ער נאר געגאנגען צו זיי אין שטוב. ער וועט זיכער זיין א מליץ יושר אויבן אין הימל, אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און זיין א בנין עדי עד.

**די** פאריגע וואך אין די פרשה געפינט מען, אז יעקב און עשו האבן זיך געטראפן, וירא את הנשים ואת הילדים, עשו האט געזען די משפחה וואס יעקב האט אויפגעשטעלט, ער האט געזען די נשים מיט די ילדים, ויאמר מי אלה לך, ווער זענען די, און יעקב האט אים געענטפערט, הילדים אשר חנן אלקים את עבדך (בראשית לג-ה), דאס זענען מיינע קינדער, וואס דער אייבערשטער האט מיך חונן געווען. די מפרשים שטעלן זיך, אז די פסוק פאנגט אן מיט צוויי זאכן, וירא את 'הנשים' ואת 'הילדים', און ער האט געפרעגט מי אלה לך, ווער זענען די, וואלט ער געדארפט ענטפערן, די זענען מיינע נשים, און די זענען מיינע קינדער. פארוואס האט ער נאר געענטפערט, דאס איז 'הילדים' אשר חנן אלקים את עבדך, ער האט גערעדט נאר פון די קינדער.

**איך** האב אמאל געזען שטיין פונעם **גערער רבי**, דער **אמרי אמת**, אז די גמרא (סוטה יב.) זאגט, כל הנושא אשה לשם שמים, מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה, אז איינער האט חתונה ערליך, ווערט גערעכנט אויף אים, אזוי ווי ער האט געבוירן זיין ווייב. ווי ער איז דער טאטע פון זיין ווייב. ווי איז דען דא א גרעסערער נושא אשה לשם שמים ווי יעקב אבינו, דער בחיר האבות, וואס האט געלעבט אלע זיינע יארן מיט א געוואלדיגע קדושה. ווען עשו האט געזען די נשים מיט די ילדים, און ער האט געפרעגט מי אלה לך, האט יעקב געענטפערט, די אלע זענען הילדים אשר חנן אלקים את עבדך, די אלע זענען מיינע קינדער. וויל הנושא אשה לשם שמים, איז דאך מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה, אז מען האט חתונה ערליך, ווערט זי אויך גערעכנט אזוי ווי א קינד.

**די** גמרא (בבא בתרא קמא.) זאגט, בת תחלה סימן יפה לבנים, טאמער מען האט קודם א טאכטער, איז עס א גוטע סימן שפעטער פאר די קינדער. לויט דעם איז די פשט, ווען א יוד איז נושא אשה לשם שמים, און דאס ווייב אליין, ווערט תיכף פאר אים אזוי ווי א טאכטער, וויל עס איז מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה, דעמאלטס איז דא א סגולה אז מען זאל נאכדעם האבען ערליכע דורות. 'בת תחלה', טאמער ער האט קודם געבוירן די בת, זיין אייגענע זיווג, וואס איז מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה, דעמאלטס איז 'סימן יפה לבנים', איז עס א גוטע סימן שפעטער פאר די קינדער.

**די** גמרא זאגט, כל הנושא אשה 'לשם שמים'. וואס מיינט אז מען האט חתונה 'לשם שמים', לשם שמים איז טייטש, דער נאמען פון די הימל. אויב ער וויל זיך אויסדרוקן, אז מען האט חתונה ערליך, וויל מען וויל מקיים זיין די מצוה פונעם אייבערשטן, איז דא פארשידענע אויסדרוקן וואס די גמרא וואלט געקענט זאגען, פארוואס זאגט ער, כל הנושא אשה לשם שמים, מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה.

**בפשטות,** וויל די גמרא (כתובות יז.) זאגט, אז רב שמואל בר רב יצחק הוה מרקד אתלת. בשעת ער האט משמח געווען חתן וכלה, האט ער געטאנצט מיט דריי הדסים. איינס האט ער געהאט אין איין האנט, און איינס אין די אנדערע האנט, און איינס איז געווען אין די לופטן. און דער **מהרש"א** שטעלט זיך, אז לויט דעם וואלט געדארפט שטיין, הוה מרקד 'בתלת', ער האט געטאנצט מיט דריי

הדסים. מרקד 'אתלת' איז דער טייטש אז ער האט געטאנצט אויף די דריי, ער האט דאך נישט געטאנצט 'אויף' די דריי, נאר 'מיט' די דריי.

**נאר** דער ענין דערפון איז, ווייל די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, אז מען איז זוכה, און מען שטעלט אויף אן ערליכע יודישע שטוב, איז שכינה שרויה ביניהם, איז דא א השראת השכינה אין די שטוב. דער איש האט א יו"ד, און אשה האט א ה"א, עס איז דא ביי זיי די שם י-ה, דאס איז די שכינה וואס איז שרויה ביי איש ואשה. לא זכו, אז מען פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, איז דאך נישט דא קיין השראת השכינה, גייען אוועק די צוויי אותיות די יו"ד מיט די ה"א, איז אש אכלתן, בלייבט נאר איבער ביי זיי די אותיות 'אש'.

**אי"ש** האט דריי אותיות, און אש"ה האט דריי אותיות. אז עס איז זכו, אז מען פירט זיך ערליך, איז דא אן איש און אן אשה, און אז מען איז נישט זוכה, און דער באשעפער גייט אוועק, בלייבט פון די דריי אותיות נאר צוויי אותיות. רב שמואל בר רב יצחק הוה מרקד, רב שמואל בר רב יצחק האט זיך נאר געפרייט, ווען ער האט געזען אזא שידוך וואס איז 'אתלת', עס איז אי"ש ואש"ה, די יוד און די ה"א איז אויך דארט, אויף אזא חתונה האט ער געהאט א שמחה, און ער האט זיך געפרייט.

**ביי** אונז אין די קהלה לערנט מען יעצט מסכת ברכות אויפן סדר, ווען איך בין געקומען יעצט בייגאכט קיין בני ברק, איז מיר אויסגעקומען צו לערנען די משנה, אז א חתן איז פטור פון קריאת שמע (ברכות טז.). מען האט חתונה מיטוואך, בתולה נשאת ליום רביעי (כתובות ב.), איז מען פטור פון קריאת שמע ביז מוצאי שבת, ווייל ער קען נישט געהעריג מכוון זיין, אבער נאך מוצאי שבת איז ער ווייטער מחוייב צו ליינען קריאת שמע. און די מפרשים אויפן פלאץ זאגן, פארוואס פונקט פון יום הרביעי ביז מוצאי שבת. ווייל דריי טאג נעמט פאר א חתן ביז ער קומט צו זיך, אז ער זאל האבען א קורבה מיט זיין זיווג, און נאך דריי טאג איז שוין אדורך די צייט, און זיי ווערן שוין נאנט איינס מיטן צווייטן, אז עס שטערט אים שוין נישט די כוונה פון קריאת שמע.

**האב** איך אזוי געטראכט, פון מיטוואך נאכט ביז מוצאי שבת, איז דריי מעת לעת. דאנערשטאג נאכט, פרייטאג צו נאכטס, און מוצאי שבת. ביז דריי מעת לעת איז נאך נישט דא די נאנטקייט צווישן איינעם און דעם צווייטן, אבער נאך די דריי טעג איז שוין מיושב דעתו. קומט אויס, אז די עיקר שמחה ווען מען דארף משמח זיין דעם חתן, איז די ערשטע דריי טאג. נאכדעם ווען ער האט שוין קירוב הדעת, האט ער שוין אליין שמחה, ער זעהט שוין וואס ער האט געטראפן. רב שמואל בר רב יצחק הוה מרקד אתלת, די ערשטע דריי טעג פון די שבע ברכות, דעמאלטס האט ער געזוכט משמח צו זיין דעם חתן, ווייל דער חתן ווייסט נאכנישט וואס ער האט געטראפן. די דריי טעג האט ער מרקד געווען, און געזען ארויסצוברענגען די שמחה ביי דעם חתן.

**הנושא** אשה לשם שמים מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה. הנושא אשה, ווען איינער האט חתונה, לשם שמים, ער וויל אז דער אייבערשטער'ס נאמען זאל זיין אין די איש ואשה. ער האט חתונה מיט די כוונה, אז עס זאל זיין ביי אים די יו"ד, און עס זאל זיין ביי איר די ה"א, לשם שמים, ער איז נושא אשה פארן נאמען פונעם אייבערשטען, דעמאלטס איז מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה.

**מען** ווייסט אז דער שמים איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי זאכן, אש און מים. אש און מים זענען צוויי קעגענזייטיגע זאכן, עס איז א סתירה איינס מיטן אנדערען, אש און מים קענען נישט עקזיסטירן צוזאמען, און פון דעם האט דער אייבערשטער געמאכט דעם שמים. א זיווג איז דאך אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח), עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער אמת'דיגער זיווג איז נישט ווען ביידע זענען אינעם זעלבן נאטור, נאר ווען עס איז כנגדו, דאס איז דער עזר פונעם מענטש. ער האט זיינע נאטורן, און זי האט אירע נאטורן, און צוזאמען שטעלט מען אויף א שטוב. אסאך מאל איז עס אש ומים, עס איז נישט די זעלבע נאטור, אבער ווען ער מיינט לשם שמים, ער האט חתונה ערליך, איז די אלע זאכן נישט קיין סתירה, ווייל אלעס איז דאך מיט א כוונה אז עס זאל ארויסקומען דערפון לשם שמים. אמאל דארף

מען נוצן דעם 'אש' לשם שמים, און אמאל דארף מען נוצן דעם 'מים' לשם שמים, אבער עכ"פ א זיווג איז אלץ צוזאמגעשטעלט פון צוויי קעגענזייטיגע זאכן.

**'הנושא** אשה', ווען א מענטש האט חתונה, 'לשם שמים', ער קוקט אז דער שמים איז דאך אויך אש מיט מים, צוויי פרעמדע זאכן, און עס איז געווארן דערפון א שמים, און ער האט אויך חתונה מיט די כוונה, אז אפילו מען איז נישט אויף איין מיינונג, און מען איז נישט אין איין מהות, פון דעסטוועגן דאך וויל מען צוזאמען אויפשטעלן א שטוב, דעמאלטס איז 'מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה', דאס איז די ריכטיגע וועג ווי אזוי א מענטש דארף חתונה האבען. - ווען מען האט א קינד, נעמט מען אן דאס קינד אזוי ווי עס איז, עס איז נישט קיין נפקא מינה. 'הנושא אשה לשם שמים' איז עס 'כאילו ילדה', עס איז מיין קינד, אין די גוטע זמנים, און אין די שווערע זמנים, איז מען יא אויף איין מיינונג, איז מען נישט אויף איין מיינונג, דאס איז הנושא אשה לשם שמים, וואס איז מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה, אזוי ווי עס איז זיין קינד, און פאר זיין קינד וואלט ער געטון אלעס אין די וועלט, אזוי דארף זיין דע שידוך פונעם מענטש.

*

אחר השבע ברכות נסע **רבינו שליט"א** לירושלים עיה"ק לבית האכסניא בדירתו של הרבני הנגיד הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א.

*

***יום שלישי פרשת וישב***

במשך ימי שהותו של **רבינו שליט"א** בירושלים עיה"ק, התפלל מידי יום ביומו עם מנין מיוחד של תלמידים יוצאי ישיבתנו הק' בבית המדרש פאפא ברחוב חגי.

*

***יום רביעי פרשת וישב***

אחר תפלת שחרית יצא **רבינו שליט"א** לדרכו לפקוד הציונים הקדושים בערי הגליל, להתפלל ולהעתיר בעד צרכי הכלל והפרט להפקד בדבר ישועה ורחמים.

בראשונה הגיע **רבינו שליט"א** לציון התנא האלקי **רבי מאיר בעל הנס** ותלמידיו בעיה"ק טבריא. אחר שהדליק נרות אמר מזמורי תהלים, וקרא פתקאות למשך זמן.

אחר כך המשיכו אל עבר ציון **הרמב"ם והשל"ה הק'** ושאר ציוני תנאים הק' הנטמנים שם, (רבינו שליט"א עמד במרחק רב – לערך רחוב אחד – ממקום הציונים האלו, מחשש קברים על הכביש סמוך לציון הרמב"ם) ומשם לציון **התנא רבי עקיבא**.

על הדרך לעיה"ק צפת עמדו ליד ציון התנא **רבי יהודה בר אילעאי**, אחר אמירת פרקי תהלים נסעו לבית החיים העתיקה בעיה"ק צפת. **רבינו שליט"א** עמד בראש ההר אצל הבית החיים, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן. משם הלכו לבית המדרש צאנז בעיר צפת לתפלת מנחה.

אחר תפלת מנחה נסע **רבינו שליט"א** להר מירון לציון הקדוש של **התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי זיע"א**, **רבינו שליט"א** עלה בדרך הכהנים, ונכנס לתוך מערת הרשב"י כמנהג בית אבותיו. שם התפלל תפלת מעריב ברגש קודש, והמשיך באמירת תהלים למשך זמן ממושך, אחר כך קרא פתקאות, והשתטח על הציון. מציון הרשב"י נסע **רבינו שליט"א** בחזרה לירושלים עיה"ק.

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** בשמחת השבע ברכות לנכד ש"ב הגה"צ מדיארמאט זצ"ל, שהתקיימה באולם שע"י ביהמ"ד אונגוואר (רמות).

*

***יום חמישי פרשת וישב***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להתפלל בקבר רחל אמנו ע"ה. **רבינו שליט"א** התפלל ואמר תהלים מחוץ לבנין – משם המשיך להר הצופים לראות מקום המקדש. **רבינו שליט"א** קרע קריעה כדין, ועמד שם למשך זמן בהתעוררות רב. – אחר כך הגיע לציון **שמעון הצדיק**, שם גם התפלל תפלת מנחה.

*

***שבת קודש פרשת וישב***

התפלות במשך שבת קודש וסעודה שלישית נערכו בבית המדרש פאפא בירושלים עיה"ק (בקומה הראשונה), בהתאספות קהל רב של אנ"ש ותלמידים יוצאי ישיבתנו הק'.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית האכסניא. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א**.

ביום השבת עלה **רבינו שליט"א** לעליית מפטיר, והתפלל תפלת מוסף לפני התיבה. – גם במוצאי שבת עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לקראת היארצייט של אמו **הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה**, שחל בשבוע הבאה.

במוצאי שב"ק נסע **רבינו שליט"א** לעיר העתיקה של ירושלים עיה"ק. והגיע לבנין ישיבת אש התורה אשר עומדת מול הכותל המערבי שריד בית מקדשינו ותפארתנו. **רבינו שליט"א** עלה למעלה לגג הבנין, והביט אל עבר מקום הקודש בתפלה. ודיבר כמה ענינים השייכים לקדושת מקום המקדש וחומת העזרה והר הבית – אח"כ חזר **רבינו שליט"א** לבית האכסניא בירושלים עיה"ק.